בחצרות
סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און פודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת
יום ד' | פ' שופטים | בדר"ח אלול | תשע"א | פסחים: צ"א.

# באריכט:

## בקודש פנימה

נעכטן נאכמיטאג האט מרן רבינו שליט"א פאראדרעט אן אסיפה בביתו נאוה קודש אין וויליאמסבורג, ווי עס האבן זיך באטייליגט הרבנים הגאוה"צ: הרה"ג ר' חיים יעקב טויבער שליט"א דומ"ץ קהל שערי ציון ד'באבוב, הרה"ג ר' ר' יוסף ישראל אייזענבערג שליט"א דומ"ץ בשיכון סקווירא, הרה"ג ר' משה מנחם ווייס שליט"א דומ"ץ ק"ק פאפא בארא פארק, הרה"ג ר' יצחק הערשקאוויטש שליט"א דומ"ץ בק"ק צאנז קלויזענבורג וויליאמסבורג, הרה"ג ר' שלום פסח לאנגזאם שליט"א דומ"ץ בק"ק בעלזא בארא פארק, און הרה"ג ר' יוסף יצחק ראזענפעלד שליט"א דומ"ץ בק"ק וויזניץ מאנסי.

אויך איז ביי די אסיפה אנוועזנד געווען די הנהלות רוחניות פון מוסדותינו הק' פון וויליאמסבורג און קרית יואל, און פון מוסד בית חינוך לבנות בית שרה פון בארא פארק, אינאיינעם מיט עטליכע פאַרוואלטער פון מלבושים פאבריקן.

דער רבי שליט"א און די חשובע רבנים שליט"א האבן דן געווען ווייטער איבער דער נושא אין וואס דער רבי שליט"א איז מעורר די לעצטע תקופה וועגן די שטארקע מאדע'ס און פירצות ביי די שטוב בגדים וואס א גרויסע טייל באנוצן זיך דערמיט, און עס פאדערט א שטארקער תיקון, און דערביי האט דער רבי איבערגעחזר'ט וואס ער האט שוין לעצטענס עטליכע מאהל ערוועגט אז פארקויפן א נישט כשר בגד איז פונקט ווי פארקויפן טריפה פלייש – וואס ביידע טאהר מען נישט אפילו פאר פרנסה.

ביי דער אסיפה איז ממונה געווארן עטליכע נשים צדקניות וואס וועלן זיין געשטעלט אלס משגיחים אויף די בגדים צו זאגן וועלכע'ס מ'מעג יא און וועלכע מ'מעג נישט פארקויפן אין די געשעפטן.

נאך די אסיפה האט דער רבי שליט"א געזעגענט דעם ציבור אנ"ש א לענגערע צייט, און דערנאך האט דער רבי שליט"א זיך משתתף געווען ביים מעמד "למען דורותינו" להחזקת מוסדותינו הק' אין וויליאמסבורג, ווי ווייטער באריכטעט.

❧•❧

היינט אינדערפרי האט דער רבי שליט"א געדאווענט שחרית אין ישיבה גדולה – שיעור א', און ביי קריאת התורה האט דער רבי שליט"א עולה געווען רביעי און געמאכט א שהחיינו לרגל די נייע ספר תורה וועלכע

איז אריינגעגעבן געווארן דורך די תלמידי הישיבה פארגאנגענעם מוצש"ק לע"נ הב' יואל יודא לעווי ע"ה, ווי דערביי האט דער רבי שליט"א מוציא געווען אלע חברים - משתתפים אינע'ם ספר תורה מיט די ברכת שהחיינו – אנהאבנדי'ג א נייעם בגד – א טלית קטן וואס די בחורים האבן נעכטן ספעציעל מנפץ ומקשר געווען לשמה פאר דעם צוועק, נאך אן הכנה פון מערערע שעות רצופות בלימוד התורה.

אין די מיטאג שטונדן זענען די תלמידים פון די ערשטע צוויי כיתות פון ישיבת קרן התורה ד'סאטמאר וויליאמסבורג געקומען צו מרן רבינו שליט"א ווי זיי האבן זיך געשטעלט צום פארהער אין זייערע לימודים פונעם פארלאפענעם זוממער.

## הצלחה'דיגער מעמד "למען דורותינו" לטובת מוסדותינו הק' אין וויליאמסבורג

ווי באריכטעט איז נעכטן נאכט אין וויליאמסבורג פאהרגעקומען דער ערשטער מעמד "למען דורותינו" ווי אברכים היקרים תלמידי ישיבתיה"ק פון שנות תשס"ו – תש"ע זענען זיך צוזאמענגעקומען צו דעם ספעציעל און אייגענארטיגע מסיבה מחזק צו זיין מוסדותינו הק' אין וויליאמסבורג וועלכע זענען פינאנציעל שטארק געפלאגט.

אלס יושב ראש המסיבה האט געדינט מוה"ר יצחק אליקים שווארץ הי"ו וועלכער האט ארפגעשטעלט א מהלך החיים פאר די אינגעלייט וויאזוי צו פירן א בודזשעט אין לעבן.

במשך די מסיבה האבן זיך די הונדערטער אינגעלייט בליעה"ר גאהר ווארעם משתתף געווען למען החזקת המוסדות מיט באדייטענדע סכומים.

דאן האט אויפגעטרעטן דער נואם הכבוד הגה"צ ר' שמעון זאב מייזליש שליט"א חדב"ן ורב ביהמ"ד ישמח משה בקרית יואל, וועלכער האט ארומגערעדט איבער די לעצטערע פגעי הזמן און די לעצטערע געשעהנישן, און ארויסבגעברענגט דעם מידת הבטחון אין וואס מען דארף זיין באהאפטן, דאן האט דער רב שליט"א מאריך געווען אינעם וויכטיגקייט מחזק צו זיין די הייליגע מוסדות.

נאך זיין דרשה האט אויפגעטרעטן מוה"ר מרדכי אלעזר הירש הי"ו אנדמיניסטראטאר פון די מוסדות, וועכלער האט איבערגעגעבן דעם דבר המוסדות און האט ארויסגעברענגט וואספארא הוצאות עס איז אלץ צוגעקומען די לעצטע יאהר צו די מוסדות, און אלעס וואס מ'בויעט צו און מען איז מוסיף צום קומענדיגן לערן-יאהר.

ר' מרדכי אלעזר הי"ו האט ערוועגט אז יעדעס יאהר קומען צו צו די מוסד אזויפיל קינדער אין איין יאהרגאנג – ווי פון וויפיל רוב קליינע מוסדות'ער באשטייען בכלל אויף אלע יאהרגענג אינאיינעם – בליעה"ר, וואס לפי"ז עפענט זיך יעדע'ס יאהר א פרישע מוסד...

אויך האט ער ארויסגעברענגט דאס ענין אז אלע זייטיגע צוועקן און צדקה מוסדות ווען מען שטיצט כסדר זענען וויכטיג, אבער אונזערע מוסדות איז די עתיד פאר די אינגעלייט וועלעכע האבן נאכנישט קיין קינדער אין די מוסדות.

דאן האט מען געהאט די זכי' אז מרן רבינו שליט"א איז פערזענליך ערשינען צו די מסיבה און משמיע געווען דברות קודש פאר די באטייליגטע.

דער רבי שליט"א האט צוערשט ארויסגעברענגט בשבח המוסד און וויפיל די אינגעלייט - וועלעכע האבן נאכנישט יעצט קיין קינדער אין די מוסד - דארפן האלטן הייליג די מוסד ווי זיי גייען אי"ה שיקן די קינדער און דאס שטיצן.

דערנאך האט דער רבי שליט"א זיך אפגעשטעלט רעדן צו די אינגעלייט איבער'ן ענין פון קביעות עתים לתורה, ווי דער רבי האט אויפגעפאדערט אז יעדער אינגערמאן דארף האבן א שיעור, און מ'זאל זיך אנשליסן אין מסגרת התאחדות אבריכים ווי זיי שטעלן צו חברים, אדער זאל איינער בעטן דעם צווייטן צו לערנען בחברותא.

צום שלוס פון די מסיבה האט מען אויסגערופן די הערליכע סכומים וואס די חשובע אינגעלייט האבן צוגעזאגט ביים מסיבה און עס איז ארייגעקומען א סכום עצום פאר די מוסדות.

***-קביעין כן תהוון בהני חבורתא-***

## תלמידי ישיבה לצעירים קרית יואל פארהערן זיך הל' שבת

היינט נאכמיטאג זענען די תלמידי ישיבה לצעירים – בהנהלת הרה"ג ר' שלמה זאבעל שליט"א אנגעקומען אויף בארא פארק אין בית מדרשינו הגדול, זיך צו שטעלן אויף א פארהער ביי הגאון ר' בנציון שטראסער שליט"א דומ"ץ נייטרא ב"פ, אויף הל' שבת וואס זיי האבן געלערנט דעם פארלאפענעם זמן העעל"ט.

**דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער,**
**און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:**
**BechatsrosSatmar@Gmail.com**

**ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין**
**מוז ארייגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען**
**פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.**